**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/28/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף 11 מיליאן דאלארדיגע וואסער רייניגונג פראיעקט אין ווערדינגטאן, סעינט לאורענס קאונטי**

***ערזעצונג פון אלטע אינפראסטראקטור וועט באשיצן פובליק געזונטהייט און פארקלענערן סכנה פון צוקונפטיגע פארפלייצונג***

***טייל פון ניו יארק סטעיט'ס 300 מיליאן דאלארדיגע באפעסטיגונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג איניציאטיוו***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די אנהויב פון קאנסטרוקציע אויף אן 11 מיליאן דאלארדיגע אפלויף וואסער זאמלונג און רייניגונג איינריכטונגען פארבעסערונג פראיעקט אין ווערדינגטאן ווילעדזש, סעינט לאורענס קאונטי, דורך די סטעיט'ס באפעסטיגונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג איניציאטיוו (Resiliency and Economic Development Initiative, REDI). די אפלויף וואסער רייניגונג זאמלונג סיסטעם און רייניגונג איינריכטונג זענען אין אייגנטום פון – און אויפגעהאלטן דורך – ווערדינגטאן ווילעדזש.

"אין 2019 האבן היסטארישע פארפלייצונגען לענגאויס לעיק אָנטאַריאָ און סעינט לאורענס ריווער חרוב געמאכט די אינפראסטראקטור און עקאנאמיע פון קאמיוניטיס אריבער דעם גאנצן ראיאן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "יעצט, דורך דעם REDI פראגראם, נוצן קאמיוניטיס ווי ווערדינגטאן ווילעדזש א צוגאנג מיט א בליק אויף פאראויס צוריקצובויען בעסער פון בעפאר, אינזין האבנדיג קלימאט שטאנדהאפטיגקייט. דורכן פארבעסערן און פארשטערקערן די פארפלייצונג-סכנה פארקלענערונג אינפראסטראקטור דורך אינוועסטירונגען ווי דעם 11 מיליאן דאלארדיגן אפלויף וואסער זאמלונג און רייניגונג איינריכטונג פראיעקט וואס איז היינט אנאנסירט געווארן, טוהען מיר נישט נאר באשיצן איינוואוינער און אייגנטום, נאר מיר היטן אויך אויף די ווילעדזש'ס קריטישע טוריזם אינדוסטריע און מיר פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר צוקונפטיגע דורות."

צוליב דעם וואס עס שטייט אזוי נאענט צו סעינט לאורענס ריווער, איז די אפלויף וואסער רייניגונג אינפראסטראקטור נעגאטיוו באטראפן געווארן דורך הויכע וואסער שטאפלען און פארפלייצונגען, שאפנדיג פראבלעמען מיט לעכער אין די סיסטעם וועלכע זענען פארערגערט געווארן דורך די מאנגל אין שטורעם וואסער אפלויף סיסטעמען אין ווערדינגטאן ווילעדזש. דער פראיעקט וועט מאכן די אלטע אינפראסטראקטור צו נאכקומען היינטיגע סטאנדארטן, באשיצנדיג די פובליק געזונטהייט און אונטערשטיצנדיג פאטענציאלע עקאנאמישע וואוקס. אין צוגאב וועט דער פראיעקט איינפירן באפעסטיגונג מאסנאמען קעגן פארפלייצונגען, אויסגעשטעלט צו פארקלענערן די שאדנס פון צוקונפטיגע הויכע וואסער שטאפלען.

באפעסטיגונג מאסנאמען פאר דעם פראיעקט רעכענען אריין:

1. ערזעצן די עקזיסטירנדע, פארעלטערטע מעין זאמלונג סיסטעם וואס האט נישט 'גאליינטע' קלעי טיילס מיט נייע מעינס און מענהאָולס צו רעדוצירן אריינקומענדע וואסער פון די ערד און אריינפלוסן וואס קומען פון הויכע וואסער שטאפלען;
2. קאנסטרוקציע פון נייע שטורעם וואסער אפלויף סיסטעמען און זאמלונג גרובער וועלכע זענען גענוג גרויס צו קענען פירן וואסער וואס קומט אריין פון די לעכער אויף די אויבערפלאך און פון 'סאמפ פאמפס', דאך דרעינס און ארטיגע דרעינס, צו רעדוצירן אומגעוואונטשענע שטורעם וואסער אריין אין די שמוץ וואסער סיסטעם;
3. אלע זיבן פאמפ סטאנציעס דורכאויס די גאנצע זאמלונג סיסטעם וועלן אריבערגיין פאמפ ערזעצונגען און קאנטראלס, נייע מיטערס, נייע אלארמס און נייע פענסטער, טירן און דעכער;
4. די הויפט פאמפ סטאנציע אין די זאמלונג סיסטעם וועט אריינרעכענען א נייע פערמאנענטע עמערדזשענסי דזשענערעיטאר מיט אויטאמאטישע טראנספער סוויטש; און
5. פארבעסערונגען צו די רייניגונג איינריכטונג, אריינרעכענענדיג ערזעצן אדער פאררעכטן די פארעלטערטע אינפראסטראקטור אויסגעשטעלט צו באשיצן די רייניגונג פראצעדור פון פארפלייצונגען.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation, DEC) קאמישאנער און REDI קאמיסיע קאָו-פארזיצער, בעזיל סעגאָס, האט געזאגט,** "וויניגער סטאבילע וואסער שטאפלען אין לעיק אָנטאַריאָ און אין די סעינט לאורענס ריווער האבן געשטעלט אין סכנה קריטישע אינפראסטראקטור, באזונדערס אפלויף וואסער רייניגונג איינריכטונגען אין קאמיוניטיס לענגאויס די ברעגע. דורך דעם באפעסטיגונג און עקאנאמישע אנטוויקלונג איניציאטיוו, ארבעטן ניו יארק סטעיט אגענטורן צוזאמען מיט קאמיוניטיס צו טרעפן, אויספלאנירן און איבערבויען וואקלדיגע אינפראסטראקטור. דורך די אינוועסטירונגען, פארשטערקערט ניו יארק סטעיט לאקאלע עקאנאמיעס, באשיצט פובליק געזונטהייט, ערמעגליכט וואוינונג ערטער פאר ווילדע באשעפענישן און היט אויף קריטישע אינפראסטראקטור. די DEC איז שטאלץ צו ארבעטן מיט וועדינגטאן ווילעדזש צו פאראויס שטופן פראיעקטן וועלכע שטיצן די קאמיוניטי'ס גרייטקייט פאר צוקונפטיגע פארפלייצונגען."

**ניו יארק סטעיט ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט (Environmental Facilities Corporation, EFC) פרעזידענט און CEO, מאורין א. קאולמאן, האט געזאגט,** "די היינטיגע אנאנס שטייט עדות צו גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו צושטעלן מציאות'דיגע לייזונגען וועלכע שטעלן קאמיוניטיס וועלכע געפונען זיך אויף טייך ברעגעס אויף א וועג צו וואקסן, בליהען און זיין באפעסטיגט קעגן קלימאט טויש און עקסטרעמע וועטערן. עס איז אונז א פארגעניגן ביי די EFC צו ארבעטן מיט אונזערע שותפים אין די סטעיט צו צושטעלן אן 11 מיליאן דאלארדיגע גרענט פאר וועדינגטאן ווילעדזש צו אנהויבן ארבעטן אויף דעם פראיעקט."

**ניו יארק פאווער אויטאריטעט (New York Power Authority) צייטווייליגער פרעזידענט און CEO און סעינט לאורענס קאונטי REDI קאמישאנער, דזשאסטין ע. דריסקאל, האט געזאגט,** "די פאווער אויטאריטעט איז גאר שטאלץ מיט די ארבעט וואס איז אונטערגענומען געווארן דורך ניו יארק'ס REDI קאמיסיע אויף קריטישע אינפראסטראקטור פראיעקטן, אריינרעכענענדיג די אפלויף וואסער רייניגונג איינריכטונג אין וועדינגטאן. דאס איבערמאכן די איינריכטונג איז א געוואלדיגע ביישפיל פון ניו יארק סטעיט מאכנדיג סטראטעגישע אינוועסטירונגען צו ארויסהעלפן לאקאלע קאמיוניטיס צו באשיצן פובליק געזונטהייט און היטן אויף קריטישע קאמיוניטי רעסאָרסן קעגן די שאדנס פון קלימאט טויש."

**סטעיט סענאטארשע פעטי ריטשי האט געזאגט,** "עס דערפרייט מיך צו זעהן ווי די ארבעט ווערט אנגעהויבן אויף די באמיאונגען צו פארבעסערן וועדינגטאן ווילעדזש'ס אפלויף וואסער זאמלונג און רייניגונג איינריכטונגען. דורך דעם פראיעקט וועט אינפראסטראקטור נישט נאר זיין מער אפגעהיטן פון פארפעסיגונגען, נאר עס וועט פארבעסערט ווערן אין א וועג וואס באשיצט בעסער די פובליק געזונטהייט. אין צוגאב, ווייסן מיר אלע אז פעסטע, פארלעסליכע אינפראסטראקטור איז גאר וויכטיג פאר עקאנאמישע אקטיוויטעט, און די סארטן פארבעסערונגען וועלן העלפן מוטיגן אנטוויקלונג אין די געגנט."

**אסעמבלי מיטגליד מארק וואַלטשיק האט געזאגט,** "דער אפלויף וואסער און שמוץ וואסער אינפראסטראקטור פראיעקט איז שוין פון לאנג ערווארטעט געווארן אין וועדינגטאן, און עס וואלט נישט מעגליך געווען אן די סטעיט'ס שטיצע."

**סעינט לאורענס קאונטי טשערימאן וויליאם שערידאן האט געזאגט,** "דער לעצטער REDI פראיעקט לענגאויס די סעינט לאורענס ריווער איז די אפלויף וואסער רייניגונג און שטורעם וואסער זאמלונג איינריכטונג אין וועדינגטאן. עס איז א קריטישער אינפראסטראקטור פראיעקט וואס וועט פארבעסערן די שטאנדהאפטיגקייט פון א וואקסנדע קאמיוניטי. די געגנט לענגאויס די טייך וועט אסאך בענעפיטירן פון 11 מיליאן דאלאר אין פארבעסערונגען צו זייער איינריכטונג וואס זיצט גלייך נעבן איינס פון די וויכטיגסטע וואסערן אין די קאונטי. מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע שטיצע פון די REDI אינציאטיוון פון וועלכע אזויפיל קאמיוניטיס בענעפיטירן אזוי ווי זיי ערהוילן זיך פון שאדנס און גרייטן זיך פאר די צוקונפט."

**וועדינגטאן ווילעדזש מעיאר מייק זעגראָובעלני האט געזאגט,** "אלץ מעיאר פון וועדינגטאן ווילעדזש, בין איך דאנקבאר פאר גאווערנער האקול און פאר די REDI קאמיסיע פאר די קריטישע הילף צו פארזיכערן וועדינגטאן'ס אינפראסטראקטור פאר פילע צוקונפטיגע דורות. די סטעיט'ס איבערגעגעבנקייט ערלויבט די ווילעדזש צו פאראויס גיין מיט די ערשטע שטאפל פון וועדינגטאן'ס אפלויף וואסער רייניגונג און זאמלונג סיסטעם און די פארבעסערונגען צו די שטורעם וואסער זאמלונג סיסטעם. א גרויסע טייל פון די סיסטעם איז שוין כמעט א 100 יאר אלט, און דער פראיעקט וועט מאכן וועדינגטאן מער באפעסטיגט קעגן טוישונגען אין וואסער שטאפלען אין די סעינט לאורענס ריווער בשעת'ן היטן אויף די געניטע באלאנס צווישן ווילעדזש אינפראסטראקטור און די נאטור. איך בין באזונדערס דאנקבאר פאר די געוועזענע און יעצטיגע ווילעדזש באורד מיטגלידער, ווילעדזש איינגעשטעלטע, לאקאלע קאנטראקטארס און NYS אגענטורן פארן העלפן מאכן דעם פראיעקט פאר א מציאות."

אין אפרוף צו די כסדר'דיגע פארפלייצונגען לענגאויס די ברעגעס פון לעיק אָנטאַריאו און די סעינט לאורענס טייך האט ניו יארק סטעיט אוועקגעשטעלט REDI צו פארמערן די באפעסטיגונג פון קאמיוניטיס אויף די ברעגעס און אונטערהייבן עקאנאמישע אנטוויקלונג אין דעם ראיאן. פינף REDI ראיאנישע פלאנירונג קאמיטעס, צוזאמגעשטעלט פון פארשטייער פון אכט קאונטיס (ניאגארא און ארליעַנס, מאנראו, וועין, קאיוגע און אסוועגא, און דזשעפערסאן און סט. לאורענס) זענען אוועקגעשטעלט געווארן צו אידענטיפיצירן ארטיגע פריאריטעטן, ריזיקירטע אינפראסטרוקטור און אנדערע פארמעגנס, און פובליק סעיפטי זארגן. דורך REDI, האט די סטעיט זיך פארפליכטעט צו צאלן ביז אזויפיל ווי 300 מיליאן דאלאר צו בענעפיטירן קאמיוניטיס און פארמערן די באפעסטיגונג אין ראיאנען וועלכע זענען אויסגעשטעלט צו פארפלייצונגען לענגאויס לעיק אָנטאַריאו און די סעינט לאורענס ריווער.

זינט די סטעיט'ס REDI פראגראם איז אוועקגעשטעלט געווארן אין פרילינג פון 2019, זענען שוין 134 REDI-פינאנצירטע ארטיגע און ראיאנישע פראיעקטן אונטערוועגנס, אריינרעכנענדיג 51 פראיעקטן וועלכע זענען אין די פלאנירונג שטאפל, 40 פראיעקטן אין די קאנסטרוקציע שטאפלען און 43 פארענדיגטע פראיעקטן.

פאר נאך אינפארמאציע, פראפילן פון די פראיעקטן און פאר REDI נייעס, דרוקט דא.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418